ווארום זיי האָבן אָנגעצונדן אַ פֿייער און אונדז
אַלעמען אויפֿגענומען צוליב דעם רעגן, וואָס האָט
געהאַלטן אין איין פֿאַלן און צוליב דער קעלט.
3 און פּוילוס האָט צונויפֿגעזאַמלט אַ בינטל ריטער
און עס אַרויפֿגעלייגט אויפֿן פֿייער, און אַ שלאַנג
איז אַרויסגעקומען, מחמת דער היץ, און האָט זיך
4 אָנגעהאָנגען אויף זיין האַנט. און ווי די באַרבאַרן
האָבן געזען די חיה הענגען אויף זיין האַנט, האָבן
זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: דער דאָזיקער
מענטש איז זיכער אַ מערדער, וועלכער, הגם ער
איז אַנטרונען פֿונם ים, לאָזט אים דאָך די גערעכ־
5 טיקייט נישט לעבן. ער אָבער האָט אַראָפּגעשאָקלט
די חיה אין פֿייער אַריין, און עס האָט אים גאָרנישט
6 געשאַדט. און זיי האָבן דערוואַרט, אַז ער וועט
געשוואָלן ווערן אָדער פּלוצלונג אַנידערפֿאַלן
טויט; ווי אָבער זיי האָבן לאַנג געוואַרט,
און געזען, אַז עס געשעט אים נישט קיין שום
שלעכטס, האָבן זיי געענדערט זייער מיינונג, און
געזאָגט, אַז ער איז אַ ג־ט.
7 און נאָענט פֿון יענעם אָרט איז געווען אַ גוט,
וואָס האָט געהערט צום ראש פֿון דער אינזל,
מיטן נאָמען פּובליוס; וועלכער האָט אונדז
אויפֿגענומען און דריי טעג פֿריינטלעך באַקעס־
8 טיקט. און פּובליוסעס פֿאָטער איז (גראָד) געלעגן
קראַנק אויף אַ פֿיבער און דיזענטעריע; צו וועמען
פּוילוס איז אַריינגעגאַנגען און מתפּלל געווען, און
אַרויפֿגעלייגנדיק די הענט אויף אים, האָט ער
9 אים געהיילט. און ווי דאָס דאָזיקע איז
געשען, זענען אויך די איבעריקע חולאים אויף
דער אינזל געקומען, און זיך געלאָזט היילן;
10 און האָבן אונדז צוגעטיילט גרויס כּבֿוד; און ווען